# ב דער צווייטער בריוו פונם שליח פּוילוס

## צו די טעסאַלאָניקער

1 פּוילוס און סילוואַנוס און טימאָטעוס צו דער
קהלה פון די טעסאַלאָניקער אין גאָט אונזער
2 פאָטער און אין האַר ישוע המשיח; חסד צו
אייך און שלום פון גאָט דעם פאָטער און דעם
האַר ישוע המשיח:
3 מיר זענען מחויב תמיד צו דאַנקען ג־ט פאַר אייך,
ברידער, ווי עס פּאַסט זיך, ווייל אייער גלויבן
וואַקסט זייער, און די ליבע פון יעדן איינעם פון אייך
4 אַלעמען מערט זיך לגבי די אַנדערע, אַזוי, אַז מיר
אַליין באַרימען זיך מיט אייך אין די קהלות פון
ג־ט, איבער אייער סבלנות און אמונה אין אַלע
אייערע רדיפות און צרות, וואָס איר טראָגט איבער;
5 עס איז אַ באַווייז פון ג־טס גערעכטן משפט; כדי
איר זאָלט גערעכנט ווערן ראוי צום קעניגרייך פון
6 ג־ט, פאַר וועלכן איר ליידט אויך; ווייל עס איז
דאָך אַ גערעכטע זאַך ביי ג־ט צו פאַרגעלטן צרות
7 צו די, וועלכע טון אייך אָן צרות, און צו אייך, די
געפייניקטע, מנוחה מיט אונז ביי דער אַנטפּלעקונג
פון דעם האַר ישוע פון הימל מיט די מלאכים פון
8 זיין מאַכט אין אַ פלאַם פייער, געבנדיק אַ נקמה־
פאַרגעלטונג די, וואָס קענען נישט ג־ט און זענען
נישט געהאָרכזאַם צו דער גוטער בשורה פון אונזער
9 האַר ישוע; די דאָזיקע וועלן ליידן אַ שטראָף, אַן
אייביקע פאַרדאַרבונג פון דעם פּנים פון דעם האַר און
10 פון דער הערלעכקייט פון זיין מאַכט, ווען ער וועט
קומען פאַרהערלעכט צו ווערן אין זיינע קדושים,